בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיעַ זײַן
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

ראה תשפ"א

גליון 54

## דער רײנער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער.**

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט מַמָּשׁ אַפָּאר טֶעג פַאר חֹדֶשׁ אֱלוּל, דֶער חֹדֶשׁ וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן חֹדֶשׁ הָרַחֲמִים וְהַסְּלִיחוֹת, וֶוען עֶס אִיז "יָדוֹ פְּתוּחָה לְקַבֵּל שָׁבִים" דֶער הַאנְט פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט פַאר אַלֶע וָואס וִוילְן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ אִים.

רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (הל' עדות ה"ה) אַז חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַרוֹיף אִין הִימְל אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דִי לוּחוֹת שְׁנִיּוֹת, הָאט עֶר דַאן גֶעמַאכְט אַ וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן אוֹיף דֶער וֶועלְט. קִינְדֶער אִיךְ וִויל אַייךְ פְרֶעגְן: "וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע?"




דִי הֵיילִיגֶע גְּמָרָא זָאגְט אַז דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרָע, דֶער טָמֵא מְטוּמְאָה אִיז אֵיין שְׁטִיק לִיגְנְט מִיט פַאלְטְשְׁקֵייט. קוֹדֶם רֶעדְט עֶר אֵיין צוּ טוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן וֶוען דֶער אִיד וִויל שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן, זָאגְט אִים דֶער יֵצֶר הָרָע: "דוּ קֶענְסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן! אַזַא נִידְרִיגֶער בַּעַל עֲבֵרָה וִוי דוּ בִּיסְט, נֵיין, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן".

קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אוּן זָאגְן אוּנְז אַז עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט. יֶעדֶער אִיד אִין יֶעדְן מַצָּב אִין וֶועלְכֶע פְּלַאץ עֶר אִיז נֶעבֶּעך אַרָאפְּגֶעפַאלְן קֶען עֶר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. דָאס דַארְף מֶען גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן תְּשׁוּבָה וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה מִיט אַלֶע צַדִּיקִים נָאךְ אִים הָאבְּן מְגַלֶּה גֶעוֶוען אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז מַמְשִׁיךְ פַאר אוּנְז דִי וֶועג יֶעדֶעס יָאר פוּן דָאסְנֵיי, אוּן מֶען דַארְף דָאס גוּט גֶעדֶענְקֶען פַאר זִיךְ, אוּן חֲזֶר'ן אוּן אוֹיסְרוּפְן פַאר דִי חֲבֵרִים אוּן נָאנְטֶע. "**רַבּוֹתַי! דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מִיט אוּנְז, מִיט יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער אֲפִילוּ אוֹיבּ אַ אִיד מֵיינְט ח"ו אַז עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער בַּעַל עֲבֵרָה, דָארְט אִין זַיין פִינְסְטֶערֶע מַצָּב, זָאל עֶר וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא פַאר אִים אַ וֶועג צוּ תְּשׁוּבָה טוּן.**

וֶוען יֶעדֶער אִינְגְל וֶועט דָאס גֶעדֶענְקֶען אוּן גְלֵייבְּן נִישְׁט נָאר אִין חֹדֶשׁ אֱלוּל, זָאל עֶר וִויסְן אַז עֶר גֵייט אִין דִי וֶועגְן פוּן תְּשׁוּבָה. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיין אַז וֶוער סְ'קֶען זָאגְן תְּהִלִּים אִין דִי חֳדָשִׁים פוּן אֱלוּל - תִּשְׁרֵי אִיז דָאס גֶעוַואלְדִיג, מֶען קֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דֶער נַחַת רוּחַ אוּן שַׁעֲשׁוּעִים וָואס טוּט זִיךְ אָפּ פוּן דֶעם אוֹיבְּן אִין הִימְל.

בִּפְרָט אִין דִי טֶעג וֶועג טוֹיזְנְטֶער אִידְן בֶּענְקְן צוּ זַיין בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס קִבּוּץ אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן זֵיי הָאבְּן שְׁוֶוערֶע מְנִיעוֹת וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן. דַארְפְן אַייךְ טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וִויסְן, דִי כּוֹחוֹת וָואס אִיר פַארְמָאגְט מִיט עֶנְקֶערֶע תְּפִלּוֹת וָואס קוּמְט אַרוֹיס מִיט תְּמִימוּת אוּן רֵיינְקֵייט, דָאס וֶועט בעז"ה צֶעשְׁטֶערְן אַלֶע פְּלֶענֶער פוּן דִי רְשָׁעִים וָואס לָאזְן נִישְׁט צוּ קַיין שׁוּם דָּבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה.

אִין תְּהִלִּים אִיז דָא אַ פָּסוּק וָואס מִיר זָאגְן שַׁבָּת בַּיים דַאוֶוענֶען "**וְאַתָּה מָרוֹם לְעוֹלָם ה'**" זָאגְט רש"י הַקָּדוֹשׁ: **לְעוֹלָם יָדְךָ עַל הָעֶלְיוֹנָה** אֲפִילוּ מֶען זֶעט אַז דִי רְשָׁעִים זֶענֶען מַצְלִיחַ, דַארְף מֶען וִויסְן אַז דָאס נָאר צַייטְוֵיילִיג, אָבֶּער צוּם סוֹף וֶועט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אוֹיסְפִירְן זַיינְס.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט זָאלְן שׁוֹין וִויסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי מֶען בֶּעט יָמִים נוֹרָאִים "וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ וְיָבִין כָּל יְצוּר כִּי אַתָּה יְצַרְתּוֹ.." בְּקָרוֹב בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# דער הייליגער רבי

## גֶערַאטֶעוֶועט פוּן דִי מִתְנַגְּדִים

בַּאלְד נָאכְדֶעם וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּרִיק צוּקוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שְׁוֶוערֶע הִתְנַגְּדוּת אוֹיפְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט "אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מַחֲלוֹקֶת!" דָאס אִיז בַּאלְד מְקֻיָּם גֶעוָוארְן, וֶוען גְרוֹיסֶע מְפֻרְסָמִים אִין יֶענֶע צַייט הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְן רֶבִּי'ן, זַאכְן וָואס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען רִיכְטִיג, אָבֶּער לַיידֶער כְּדֶרֶךְ הָעוֹלָם, הָאבְּן דָאס מֶענְטְשְׁן גֶעגְלֵייבְּט, אוּן דֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶענוּמֶען לַיידְן שְׁוֶוערֶע רְדִיפוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת וואוּ זֵיי זֶענֶען נָאר גֶעגַאנְגֶען.

בִּפְרָט וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִין זְלָאטִיפָּאלִי, דֶעמָאלְט אִיז עֶר זֵייעֶר גֶע'רוֹדֶפְ'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי חֲסִידִים וָואס הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען דִי לָשׁוֹן הָרָע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַז אִין זְלָאטִיפָּאלִי הָאט עֶר גֶעלִיטְן "תַּרְתֵּי גֵיהִנּוֹם" דָאס מֵיינְט דֶעם גֵיהִנּוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט.



ס'אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי מֶען הָאט זִיךְ גֶעוַואגְט אוּן גֶעקֶענְט קְרִיגְן אוֹיף אַזַא גֶעוַואלְדִיגֶע לִיכְטִיגְקַייט, אוֹיף אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת אוּן וֶועגְן אִין עֲבוֹדַת ה', וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע חִידוּשׁ אֲפִילוּ אִין יֶענֶע צַייט, וֶוען עֶס הָאבְּן נָאךְ גֶעלֶעבְּט גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פוּן דִי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד ז"ל, אָבֶּער דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דֶעם אֱמֶת, אַז עֶס אִיז פַארְשְׁטֶעלְט אוּן מֶען דַארְף עֶס שְׁטֶענְדִיג זוּכְן אוּן בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער שֶׁקֶר פוּן דֶער וֶועלְט זָאל אוּנְז נִישְׁט פַארְנֶעפְּלֶען דִי אוֹיגְן.

אִין יֶענֶע צַייט, אִיז אֵיינְמָאל דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, אוֹיפְן וֶועג הָאבְּן זֵיי גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁטֶעטְל נֶעמִירוֹב, אִין נֶעמִירוֹב הָאבְּן גֶעוואוֹינְט עֶטְלִיכֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן דָארְט גֶעוואוֹינְט זֵייעֶר אַסַאךְ חֲסִידִים פוּנֶעם חוֹלֵק וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט רח"ל מִיט רֶבִּי'ן. אַזוֹי וִוי דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי גֵייט אַרִיבֶּערְפָארְן זֵייעֶר שְׁטָאט, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן צוּ אַרוֹיסְגֵיין מִיט אַ גְרוּפֶּע שְׁטַארְקֶע חֶבְרָה, מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן אַנְדֶערֶע כְּלֵי מַשְׁחִית אוּן אָפְּוַוארְטְן דֶעם וָואגְן אוֹיפְן וֶועג, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי וֶועט אָנְקוּמֶען וֶועלְן זֵיי אַרוֹיפְשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיפְן וָואגְן אוּן צוּשְׁלָאגְן ח"ו דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה זֵיי הָאבְּן צַאמְגֶענוּמֶען אַפָּאר פֶעסְטֶע שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן אוּן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט וַוארְטְן, דֶערְוַוייל הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן בַּאקוּמֶען אַ גְרִיס וָואס סְ'גֵייט פָאר, אַז מֶען גֵייט אַזוֹי מְבַזֶּה זַיין דֶעם צַדִּיק, הָאבְּן זֵיי זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אוּן בַּאשְׁלָאסְן אוֹיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין אוֹיפְן וֶועג אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, צְווִישְׁן נֶעבְּן דִי מִתְנַגְּדִים כְּדֵי צוּ קֶענֶען אָפְּהִיטְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאס אַלֶעס גֶעזֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ גַאסְט הוֹיז אוֹיפְן וֶועג, אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל הַבַּיִת צוּ עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אַ אוּנְטֶערְשְׁטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ אָנְקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אָן צוּ דַארְפְן אַרִיבֶּערְפָארְן נֶעבְּן דִי שְׁטָאט נֶעמִירוֹב. צוּ זַיין פְרֵייד הָאט דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֶעזָאגְט אַז יָא! עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועג, אֶפְשָׁר נִישְׁט אַזוֹי גְלַאט אוּן אוֹיסְגֶעפְלַאסְטֶערְט אָבֶּער מֶען קֶען אָנְקוּמֶען, דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעפָארְן דוּרְךְ דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע וֶועג.

אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶענֶען דִי צְוֵויי גְרוּפֶּעס נֶעבְּן דִי שְׁטָאט נֶעמִירוֹב גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט אַ לַאנְגֶע צַייט, אָבֶּער דֶער וָואגְן פוּן רֶבִּי'ן קוּמְט נִישְׁט אָן, דִי זוּן הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אוּנְטֶערְגֵיין, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה, דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט מְיַאֵשׁ גֶעוֶוען אוּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אַז זֵיי גֵייעֶן דָארְט בְּלַייבְּן דִי גַאנְצֶע צַייט, בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ... בִּיז וֶוען דֶער רֶבִּי וֶועט אָנְקוּמֶען, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁטֵייעֶן דִי גְרוּפֶּע חֲסִידִים פוּן רֶבִּי'ן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע



# מַיין מַעֲשֶׂה'לֶע



## אַ קִיכְל מִיט צוּקֶערְלַאךְ

"מַאמִי, דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ גֵייט זַיין מַיין סִיוּם!" הָאט מַיין קְלֵיינֶע בְּרוּדֶער אוֹיסְגֶערוּפְן פֵּייֶערְלִיךְ ווִי נָאר עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר. עֶר אִיז נָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען בַּיי דִי טִיר מִיט זַיין טֶעשְׁעלֶע אוֹיפְן רוּקְן אָבֶער עֶר הָאט שׁוֹין גֶעמוּזְט אַיינְמֶעלְדְן פַאר יֶעדְן זַיין גוּטֶע בְּשׂוֹרָה.

"אוּן מַאמִי, אִיךְ ווִיל בְּרֶענְגֶען אַ קִיכְל מִיט צוּקֶערְלַאךְ" (אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל רוּפְט מֶען סְפְּרִינְקְלְס, צוּקֶערְלַאךְ), הָאט עֶר נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ אַיינְמֶעלְדְן פַאר מַיין מַאמֶע.

"זַייעֶר גוּט," הָאט מַיין מַאמֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט. "מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער," הָאט זִי צוּגֶעלֵייגְט. מַיין מַאמֶע, וֶועלְכֶע פִילְט זִיךְ יֶעצְט נִישְׁט אַזוֹי גוּט אוּן דַארְף לִיגְן אַסַאךְ אִין בֶּעט, הָאט גֶעבֶּעטְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז זִי זָאל הָאבְּן כֹּחַ צוּ קֶענֶען בַּאקְן אַ קִיכְל פַאר מַיין בְּרוּדֶער'ס סִיוּם.

יֶעדְן טָאג וֶוען מַיין בְּרוּדֶער אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן חֵדֶר הָאט עֶר נִישְׁט פַארְגֶעסְן צוּ דֶערְמַאנֶען מַיין מַאמֶע אַז ס'גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט זַיין דֶער סִיוּם אוּן עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט קַיין קִיכְל. "וֶוען גֵייסְטוּ שׁוֹין בַּאקְן דִי קִיכְל מִיט צוּקֶערְלַאךְ?" הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ פְרֶעגְן.

"מֶען וֶועט בֶּעטְן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער," הָאט מַיין מַאמֶע אִים אַלְץ גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוּן מֶען טָאר נִישְׁט מוּטְשֶׁען אַ מַאמֶע," הָאט זִי אִים מוּסָר גֶעזָאגְט.

מַיין מַאמֶע הָאט גֶעזֶען ווִי וויִכְטִיג דִי קִיכְל אִיז פַאר אִים הָאט זִי בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אוּן בַּאקְן אָבֶער זִי הָאט גֶעדַארְפְט אַסַאךְ לִיגְן אִין בֶּעט.

ס'אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען צְוֵויי טֶעג פַאר דִי וויִכְטִיגֶע מְסִבָּה אוּן מַיין בְּרוּדֶער אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר אִין פְּרֶעשׁוּר פוּן דֶער גְרוֹיסֶער סִיוּם מִיט זַיין צוּקֶערְלַאךְ-קִיכְל. אִינְדֶערְפְרִי שְׁטֵייט עֶר אוֹיף אוּן עֶר לוֹיפְט אַרַיין צוּ מַיין מַאמֶע אִין צִימֶער אוּן שְׁרֵייט אוֹיס מִיט עֶקְסְטַאז, "מַאמִי, שְׁכֹּחַ! הָאסְט מִיר גֶעבַּאקְן אַ קִיכְל מִיט צוּקֶערְלַאךְ!" מַיין מַאמֶע קוּקְט אִים אָן אוּן זִי קְלֶערְט אַז עֶר הָאט פָּשׁוּט גֶעהַאט אַ זִיסֶע חָלוֹם פוּן גְרוֹיס עֶרְוַוארְטוּנְג. אָבֶער מַיין בְּרוּדֶער זֶעט אוֹיס זֵייעֶר עֶרְנְסְט. "מַאמִי, אַזאַ שֵׁיינֶע קִיכְל הָאסְטוּ מִיר גֶעמַאכְט," הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן פוּן גְרוֹיס פְרֵייד.

מַיין מַאמֶע קוּמְט אַרוֹיס פוּן קָאךְ צוּ זֶען אוֹיב מַיין בְּרוּדֶער ווֵייסְט וָואס עֶר רֶעדְט אוּן זִי דֶערְמַאנְט זִיךְ שׁוֹין וָואס דָא קוּמְט פָאר.

המשך אויף זייט 4

אִידְן פִיל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס זַיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זִיךְ גֶעזָארְגְט אַז דִי שְׁקִיעָה קוּמְט שׁוֹין בַּאלְד אָן, מֶען דַארְף לוֹיפְן אִין שׁוּל אַרַיין דַאוֶוענֶען מִנְחָה, אָבֶער וָואס וֶועט זַיין מִיטְן רֶבִּי'ן? אַזוֹי הָאבְּן זַיי גֶערֶעדְט צְווִישְׁן זִיךְ, בִּיז זַיי הָאבְּן צוּזַאמֶען בַּאשְׁלָאסְן יָא צוּ צוּרִיק גֵיין צוּם שְׁטָאט אוּן דַאוֶוענֶען מִנְחָה אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט שׁוֹין ווַייטֶער הִיטְן אוֹיפְן רֶבִּי'ן.

דִי מִתְנַגְּדִים זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ וֶוען זַיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז דִי חֲסִידִים גֵייעֶן צוּרִיק, הָא, יֶעצְט אִיז דִי וֶועג לֵיידִיג! מִיר וֶועלְן קֶענֶען טוּן וָואס מִיר ווִילְן... (דֶערְוַוייל אִיז שׁוֹין דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען ווַייט ווַייט אַוֶועק...)

אַ לַאנְגֶע צַייט זֶענֶען דִי מִתְנַגְּדִים גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיפְן וֶועג אוּן גֶעוַוארְט, וֶוען פְּלוּצְלוּנְג הָאבְּן זַיי גֶעזֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס אַ שֵׁיינֶע וָואגְן קוּמְט צוּ פָארְן. מַאכְט זִיךְ גְרֵייט! הָאבְּן זַיי גֶעשְׁרִיגְן אֵיינֶער צוּם צְווֵייטְן, זַיי זֶענֶען שׁוֹין דָא, זַיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן הֶעק אִין דִי הֶענְט, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער דִי בֵּיימֶער, שְׁטִיל אָפְּגֶעוַוארְט דֶעם וָואגְן.

# לגאומיר זיך פאר הערן

# בחינה אויף ספורי מעשיות
## די זיבעטע מעשה
## מזבוב ועכביש



וואס דארפן מיר **אויסרופן** פאר אונזערע **חברים**??
די תשובה איז אין דעם בלעטל.

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל,**

**02-5-3333-72**

**646-518-1095**

**1-518-329-9149**

א. שאלת זכות: ווען האט דער רבי פארציילט די מעשה (עיין חיי מוהר"ן אות נ"ט)
☐ זומער תקס"ז
☐ זומער תקס"ו.
☐ ווינטער תקס"ז

**ב. וועלכע טאג אין יאר האט דער מלך געמאכט א סעודה ?**
☐ אין דעם טאג וואס ער האט אפגענומען די מלחמה
☐ אין דעם טאג וואס ער האט גענומען אסאך שבויים.
☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וועלכע אומה זאגט דער רבי עקסטער אז מען האט פון זיי געמאכט געשפעט?**
☐ פון אדום און פון דעם טערק
☐ פון די בבליים.
☐ פון דעם טערק

**ד. מען האט ליצנות געמאכט אויך פון אידן?**
☐ מן הסתם.
☐ ניין.
☐ דער רבי רעדט נישט דערפון

**ה. וויפיל מאל האט דער שפין פרובירט כאפן דעם פליג?**
☐ דריי מאל
☐ צען מאל
☐ עטליכע מאל

**ו. וואס איז ביים סוף געשעהן מיטן שפין?**
☐ דער גרייכט דעם פליג.
☐ געווארן צו בלוטיגט.
☐ עס איז פון איר גאר נישט געבליבן.

**ז. וואס האט דער מלך געשריגן אינמיטן חלום?**
☐ ראטעוועט ראטעוועט.
☐ דער רבי זאגט נישט וואס ער האט געשריגן
☐ געוואלד געוואלד.

**ח. ווער האט אויף געוועקט דער הויכן בארג?**
☐ דער ס"מ.
☐ דער מלך ווען ער האט געשריגן.
☐ די פליג און די שפין.

**ט. וואס האט פאסירט מיט ווער עס איז געגאנגען אויף די גראז וואס פירט ארויף צום בארג?**
☐ עס איז אים אראפ געפאלן אלע ציינער.
☐ ער האט נישט געקענט הערן
☐ ער האט נישט געקענט גיין

**י. וואס פארא בלאט האט געהיטן אויפן מלך?**
☐ פון דעם טערק .
☐ פון די אידן.
☐ פון די זיבעציג פעלקער.

**יא. מיט וויפל מענטשן איז דער מלך געגאנגען זוכן דעם חכם ?**
☐ מיט צוויי מענטשן.
☐ מיט א גאנצער מנין.
☐ אליין.

**יב. ווי אזוי איז ער געגאנגען אנגעטון זוכענדיג דעם חכם?**
☐ מיט קעניגליכע קליידער.
☐ ווי א אלטער מענטש.
☐ ווי א פראסטער מענטש.

**יג. וואס האט דער ס"מ געשריגן?**
☐ אז די נשמה וועט קומען אויף די וועלט, וואס האב איך שוין צו טאן.
☐ ער זאל אראפ גיין אויף די וועלט.
☐ ראטעווע מיר.

**יד. וועמען האט דער ס"מ מיט געברענגט?**
☐ ער איז געקומען אליין.
☐ א אלטער מענטש
☐ א אלטער איינגעבויגענער מענטש.

**טו. וואס האט דער ס"מ געטאן?**
☐ געוויינט.
☐ געלאכט.
☐ געטאנצט.

**טז. צום סוף איז די נשמה אראפ אויף די וועלט?**
☐ ניין.
☐ יא.
☐ עס האט זיך אפגעהאלטן.

**יז. ווער איז געווען צווישן די שבוים וואס דער מלך האט געפאנגען?**
☐ א אלטער.
☐ א אינגל.
☐ א יפת תואר.

**אז דאס בלעטל איז אויף דיר מגין באדארפסטו קיין מורא נישט צו האבן פאר קיין שום זאך**
**מיט אסאך הצלחה**

*המשך פון זייט 3*

מַיין מַאמֶע'ס חָבֵר'טֶע וָואס הָאט גֶעהֶערְט אַז מַיין מַאמֶע פִּילְט נִישְׁט אַזוֹי גוּט אִיז אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען בַּיינַאכְט אִיר בַּאזוּכְן אוּן הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ קִיכְל. מַיין מַאמֶע הָאט עֶס אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיפְן טִישׁ אוּן זִי אִיז צוּרִיק אַרַיין אִין בֶּעט, נִישְׁט קוּקֶענְדִיג וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין דִי בֶּעקֶעלֶע. אוּן וֶוען מַיין בְּרוּדֶער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן הָאט גֶעטְרָאפְן אַ קֶעיק אוֹיפְ'ן טִישׁ אִיז עֶר גֶעוֶוען זִיכֶער אַז דָאס מֵיינְט אִים. זִי הָאט גֶעעֶפְנְט דִי זֶעקְל אוּן גֶעטְרָאפְן אַ... קֶעיק מִיט צוּקֶערְלַאךְ!

וֶוען מַיין מַאמֶע הָאט אָנְגֶעקְלִינְגֶען דִי חָבֵר'טֶע אִיר צוּ בַּאדַאנְקֶען הָאט זִי גֶעזָאגְט אַז גֶעוֶוענְדְלִיךְ הָאט זִי נִישְׁט קַיין צוּקֶערְלַאךְ אִינְדֶערְהֵיים, זִי נוּצְט עֶס בִּכְלַל נִישְׁט וַוייל סְ'אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט אָבֶּער יֶעצְט הָאט זִי עֶס גֶעקוֹיפְט פַאר אַ קִינְדְ'ס מְסִבָּה הָאט זִי גֶעקְלֶערְט אַז זִי וֶועט מְהַנֶּה זַיין מַיין מַאמֶע'ס קִינְדֶער מִיט אַבִּיסְל צוּקֶערְלַאךְ...

מִיר זֶענֶען אַלֶע גֶעוָוארְן זַייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דֶעם אִינְצִידֶענְט. אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזֶען אַז דָאס אִיז אַזוֹי וִויכְטִיג פַאר אִים הָאט עֶר אִים עֶס צוּגֶעשִׁיקְט. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע חִזּוּק פַאר יֶעדְן אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָארְגְט זִיךְ פוּן גְרוֹיסֶע זַאכְן בִּיז קְלֵיינֶע זַאכְן, אֲפִילוּ וֶוען אַ מוּרִישְׁקֶע אִיז הֵייס מַאכְט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז אַ בְּלֶעטְל זָאל אַרָאפְּפַאלְן פוּן בּוֹים אוּן אִיר בַּאשִׁיצְן.